# ליד: איינס און איינס (9)

איינס און איינס,

איינס און איינס.

איינס און איינס איז צוויי.

קינדער קומט, אַלע קומט

אַלע אין אַ ריי.

צוויי און צוויי,

צוויי און צוויי,

איז פֿיר

קינדער קומט-

אַלע קומט.

חבֿירים זענען מיר!



## ווער ווייסט וואָס איז איינס? פֿון דער הגדה- אחד מי יודע

### אחד מי יודע

ווער ווייסט וואָס איז איינס?

איך ווייס וואָס איז איינס.

איין גאָט וואָס איז אין הימל און וואָס איז אויף די ערד.

ווער ווייסט וואָס איז צוויי?

איך ווייס וואָס איז צוויי.

די צוויי לוחות.

ווער ווייסט וואָס איז דרײַ?

איך ווייס וואָס איז דרײַ. דרײַ טאַטעס, אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ

ווער ווייסט וואָס איז פֿיר?

איך ווייס וואָס איז פֿיר. פֿיר מאַמעס, שׂרה, רבֿקה, רחל, לאה.

ווער ווייסט וואָס איז פֿינף?

איך ווייס וואָס איז פֿינף. פֿינף חומשים פֿון דער תּורה.

ווער ווייסט וואָס איז זעקס?

איך ווייס וואָס איז זעקס.

זעקס סדרים פֿון משניות.

ווער ווייסט וואָס איז זיבן?

איך ווייס וואָס איז זיבן.

זיבן טעג פֿון דער וואָך.

ווער ווייסט וואָס איז אַכט?

איך ווייס וואָס איז אַכט.

אַכט טעג צו מלן דאָס קינד.

ווער ווייסט וואָס איז ניַין?

איך ווייס וואָס איז ניַין.

ניַין חדשים צום געבורט.

ווער ווייסט וואָס איז צען?

איך ווייס וואָס איז צען.

די צען דבֿרות.

ווער ווייסט וואָס איז עלף?

איך ווייס וואָס איז עלף.

עלף שטערן.

ווער ווייסט וואָס איז צוועלף?

איך ווייס וואָס איז צוועלף.

צוועלף שבָטים.

ווער ווייסט וואָס איז דרײַצן?

איך ווייס וואָס איז דרײַצן.

דרײַצן מידות וואָס מען דרשנט די תּורה, און דרײַצן מידות פֿון רחמנות.

| ווער ווייסט? | איך ווייס |
|---|---|
| דרײַצן | |
| זיבן | |
| צוויי | |
| נײַן | |
| פֿיר | |
| צוועלף | |
| פֿינף | |
| עלף | |
| זעקס | |
| צען | |
| דרײַ | |
| אַכט | |
| איינס | |

| | |
|---|---|
| שלושה מי יודע? | ארבעה מי יודע? |
| תשעה מי יודע? | אחד מי יודע? |
| שמונה מי יודע? | חמישה מי יודע? |
| שלושה עשר מי יודע? | עשרה מי יודע? |
| שישה מי יודע? | אחד עשר מי יודע? |
| שבעה מי יודע? | שניים מי יודע? |
| שנים עשר מי יודע? | |

| | | | |
|---|---|---|---|
| | דיבריא | | חומשי תורה |
| | אלוקינו | | אבות |
| | סדרי משנה | | לוחות הברית |
| | מידיא | | ירחי לידה |
| | שבטיא | | ימי שבתא |
| | כוכביא | | ימי מילה |
| | אמהות | | |